The University of the State of New York
THE STATE EDUCATION DEPARTMENT
Office of State Assessment Albany, New York 12234

**Examination Storage Certificate NYSESLAT 2023**

School Name: ____________________

I, the undersigned principal of the school named above, do hereby declare that each of the security procedures listed below was fully and faithfully observed for the current administration of the 2023 NYSESLAT.

1. The sealed packages of secure test materials were stored in a secure location.
2. The secure location was maintained under strict security conditions.
3. The contents of the test were not divulged generally or specifically to anyone.
4. No photocopies or written notes were made of any part of the test or test questions.
5. An inventory of the test materials was conducted as soon after delivery as was practical. Pearson was notified if any of the packages of secure test materials were not properly sealed when received. The sealed packages of secure test materials were placed inside the secure location immediately after the inventory was completed.
6. The sealed packages of secure test materials were not removed from the secure location, except for the inventory of test materials shipped to the school, until the day(s) on which the test was administered.
7. The sealed packages of secure test materials, except for the scoring materials for the Speaking session, were not opened until the day(s) on which the test was administered.
8. All of the secure test materials were accounted for following the administration of the test. They were all returned to Pearson promptly after administration and scoring.

Note: Schools may permit teachers to retain copies of the School Administrator's Manual.

As principal, I have read and complied with the requirements for the storage and handling of secure examination materials, as detailed above and elsewhere in the School Administrator's Manual. I also understand that it is my responsibility to ensure that all faculty and staff who participate in the handling, administration, proctoring, and/or scoring of the NYSESLAT have been made thoroughly familiar with the Department's policies governing those activities. I further understand and agree that I must report immediately via fax to the Office of State Assessment (OSA), 518-474-1989, any suspected or corroborated irregularity or impropriety in the school's storage, handling, distribution, administration, proctoring, or scoring of the NYSESLAT in my school.

Name of Principal (print or type): ____________________

Signature of Principal: ____________________

Date: ____________________
(Month/Day/Year)

**After completion, retain in school files for one year.**

NYSESLAT 2023 • School Administrator's Manual

ביישפילן פון די פולע דאקאמענטן פון די סעקיורעטי באווארענונגען פון די סטעיט טעססטס

1/11/24, 8:04 PM Test Security Incident Report Form

NYSED.gov Skip To Content

Search TSEI

**Test Security and Educator Integrity**

NYSED / Higher Ed / TSEI / Test Security Incident Report Form

**Test Security Incident Report Form**

In accordance with the Family Educational Rights and Privacy Act of 1974 (FERPA), please do not include any confidential or personally identifiable information regarding students when submitting this incident report form. Initials only should be used for student names.

*** Denotes a required field**

Contact Information

***First Name:**
***Last Name:**
***Phone Number:** ( ) -
**Alt. Phone Number:** ( ) -
***E-mail Address:**
**Position:** Please select from the list below

Allegation and Incident Location

***Provide a detailed description of the incident**
***Include:*** *A detailed description of a) what happened b) on what date c) who was involved d) how you learned about it and e) any others who know about or witnessed the incident. Please use initials for first and last names of any student discussed.*

ניו יארק סטעיט, טעסט מסירה פארום

The New York Times

*Atlanta School Workers Sentenced in Test Score Cheating Case*




By Richard Fausset and Alan Blinder
April 14, 2015

ATLANTA — In an unexpectedly harsh sentence after a polarizing six-year ordeal, eight of the 10 educators convicted of racketeering in one of the nation's largest public school cheating scandals were sentenced to prison terms of up to seven years Tuesday after they refused to take sentencing deals that were predicated on their acceptance of responsibility and a waiver of their right to appeal.

**די מידיע שטורעמען מיט די געשיכטע, ווען מען האט איינגעזעצט א גרופע טיטשערס פאר לאנגע טורמע טערמינען, פארן אויסשפילן די אקוראטקייט פון די טעסטס**

Substantial Equivalency 2023 Guidance

**Participation Rate:**

The current three-year statewide average State assessment public school participation rate will be posted at https://www.nysed.gov/nonpublic-schools/substantial-equivalency.

**Best Practices of Test Security and Assessment:**

Assessments must be administered to students in a manner that is consistent with best practices of test security and assessment. While it is presumed there will be regularity in the testing process, use of this pathway grants the Department, or its designee, the right to review the integrity of the testing process. Concerns may be identified through such means as a credible complaint to the Department about a school's use of the tests, through the normal test analysis process conducted by assessment developers, or by the Department. If a complaint is substantiated, the school may be directed by the Department to use another pathway to determine its substantial equivalence.

**אין די גיידענס שרייבן זיי אז זיי קענען ארייינשיקן אינספעקטארן צו באאבאכטן פונדערנאנט אז מען טוט ריכטיג די טעסט פראצעדור**

די דאזיגע הארבע שטראפן זענען צושטאנד געקומען אין רעזולטאט פון דער באוואוסטער 'ריקא געזעץ' (**Racketeer Influenced Corrupt Organizations**) **RICO Act**, א געזעץ וואס איז ארגינאל געשאפן געווארן צו באקעמפן די מאפיא. און די רעגירונג נוצט דאס צו פאראורדענען שווערע שטראפן, פאר סיי וועלכע 'ארגאניזירטע' קרימינאלע אקט, וואס מערערע מענטשן נעמען דערין א חלק, ווצב"ש אין א סקול סיסטעם, ווען עטליכע איינגעשטעלטע האבן מיטגעארבייט מיטן פארברעך.

דער עונש דא אין ניו יארק פאר ריקא' **RICO** פארלעצונגען קען אנקומען ביז 25 יאר טורמע! ה"י).

## קען די רעגירונג ארייינשיקן אינספעקטארן אין די מוסדות צו פארזיכערן אז מען פירט אויס די טעסט פראצעדור אזוי ווי פארלאנגט?

יא. עס שטייט קלאר ארויסגעשריבן אין די גיידענס אז די רעגירונג האט רעכט ארייינצושיקן א פארשטייער צו באאבאכטען בשעת מען גיבט די טעסטס פאר די קינדער, צו פארזיכערן אז מען האלט איין אלע פארשריפטן.

דאס באדייט אז דורך אויסוועלן די פעטוועי, שאפט דאס א באזונדערע סכנה פאר זיך, אז מען גיבט די מעגליכקייט פאר די רעגירונג ארייינצוקומען בפועל אין די מוסדות הקדושים.

## וואס שטייט אין די טעסט?

די טעסטס ווערט יעדעס יאר ניי פאבראצירט, און עס איז אויסגעשטעלט ווי א ציענדע 'נאוועל' געשיכטע, וואס גייט פון איין פאזע צום צווייטן, און דאס קינד דארף כסדר ענטפערן וויאזוי ער וואלט געטוען אין דעם פאל פון די מעשה, באזירט אויף די לימודים וואס ער האט געלערנט אינעם ספעציפישן סאבדזשעקט.

די טעסטס ווערן יעדעס יאר גענצליך געטוישט, און קיינער קען נישט וויסן פאראויס וואס עס גייט שטיין אינעם נייעם טעסט, די מנהלים און פרינציפעלס זענען אונטער א אונטערגעשריבענעם צוזאג אז זיי טארן נישט ארויסגעבן פאר א צווייטע מוסד וואס עס שטייט אינעם טעסט.

דאך נאכקוקנדיג די טעסטס פון די פארגאנגענע עטליכע יאר, שטעלט זיך ארויס אז אפילו בלויז ביי די קאור סאבדזשעקט פון 'ענגליש לענגוויטש ארטס' זענען די טעסטס פול מיט תועבה, תרבות הגוי, און כסדר פאלט אריין אויסגעזויגענע פאקטן באזירט אויף כפירה'דיגע יסודות ה"י.

דאס הייסט אז א קינד זאל בלויז אפלייגען די מעשיות און לעגענדעס וואס ווערן באשריבן אין די טעסטס, איז שוין גענוג אז די גזירת החינוך זאל ווערן אנגערופן א גזירת שמד, הי"ת.

## די סארט טעסטס האט מען שוין געגעבן אין די היימישע שולעס?

ווי עס איז באקאנט, איז זייער שווער צו וויסן פארן ציבור צו מיטהאלטן פונקטליך וואס עס קומט פאר אינערהאלב די מוסדות וועלכע לימודים \ ביכער \ טעסטס מען גיבט, אבער אויף אזויפיל האבן מיר א קלארע עדות'שאפט פון כאטש איין מוסד וועלכע שרייבט אין דער צייטונג 'דער איד' כי תצא תשע"ט אז מען גיבט נישט די טעסט, און מען וועט קיינמאל נישט געבן.

## סך הכל: א מוסד וואס האט אייגעגעבן צו מאכן די טעסטס, קען זיין אז זיי טוען דאס נאר לפנים, אדער ווען זיי זיין געצווינגען איינצופירן בפועל די לימודים און די טעסטס?

**עס איז כמעט אוממעגליך אז א מוסד וואס נעמט זיך דאס אונטער, זאל האבן א וועג זיך ארויסצודרייען פון דאס אויסצופירן בפועל.**

**ערשטנס:** ווי פריער דערמאנט, אין פאל די רעגירונג באקומט א מסירה פון סיי וועם אז מען לערנט נישט אלעס, (און מען דארף נישט זיין צו קלוג צו פארשטיין אז די גרופע פון יאפפעד וועט זיצן און לאקערן אויף יעדן מוסד אויב ער קומט טאקע נאך וואס אונטער גענומען), און סיי אויב די עדיוקעישן דעפט. האט אליין א חשד אז עפעס איז נישט גלאטיג, קענען זיי אריינקומען סיי ווען אין די מוסד, מאכן אינספעקציעס, און אזוי אויך האבן זיי א רעכט צו באאבאכטן די טעסט פראצעדור, און אויך דארפן זיי אינוועסטיגעטן די מוסדות אויב די קוריקולעם שטימט מיט די טעסטס, ווי אלעס אויבן אויסגעשמועסט.

**צווייטענס:** ביי די דאזיגע פעטוועי בפרט, איז זייער איינגעשטעלט דאס אויספאפן, ווייל ווי געשריבן די אלע דערמאנטע תנאים פונעם פראטאקאל פאלט ארויף אויפן אחריות פונעם מנהל המוסד, און פונעם פרינציפל, און פונעם קאמפעטענט טיטשער וואס באגלייט די קינדער ביים ענטפערן די טעסט.

## איז פארהאן נאך נקודות, איבער די הארבקייט ווי ווייט מען שפילט אריין אין די הענט פון די רעגירונג, מיטן נעמען פעטוועי 6 - אסעסמענטס?

איינע פון די תנאים אויף א מוסד וואס האט גענומען פעטוועי 6, איז אז די אסעסמענטס זאלן באווייזן די פארשריט פון די תלמידים פון יאר צו יאר, און אז די רעגירונג זאל נאכקוקן די סטאטוס פון יעדעס קינד פערזענליך, וויאזוי די קינדער קענען די טעסטס, צו זעהן אויב די קינדער מאכן טאקע באדייטנדע פארשריט פון יאר צו יאר.

קומט אויס אז דער מוסד געבט פרייוויליג איבער פאר די רעגירונג יעדע יאר א פונקטליכע באריכט אויף יעדע איינציגע קינד וויאזוי זיין פארשריט האלט אין יעדע פון די סאבזשעקטס, דורכדעם וואס די רעגירונג באקומט די פונקטליכע צייכנס (מארקס) פון די טעסטס פון יעדן קינד, און די רעגירונג באקומט א פונקטליכע קאנטראל נישט נאר אויף די מוסד בכלליות - נאר אויף יעדן קינד בפרטיות.

מיט דעם איז דאס נאך שווערער ווי פעטוועי 7 פון אינספעקשאנס, וואס ביי פעטוועי 7 איז נישט דערמאנט אינעם געזעץ קיין איין ווארט אז די אינספעקטארס דארפן באגלייטן יעדעס קינד באזונדער צו וויסן ווי עס האלט זייער דרגא אין די לימודים, נאר עס איז א כלליות'דיגע איבערזיכט אויפן מוסד.

Substantial Equivalency 2023 Guidance

**Pathway 6: Assessments**

Many nonpublic schools, even those that elect not to participate in State assessments, have incorporated standardized assessments of various kinds into their instructional plans. Like their public school counterparts, nonpublic school leaders use these tests to assess students' progress against uniform benchmarks and to identify areas of strength and weakness in instruction. Standardized assessments are those that employ a systematic method of gathering information from objectively scored items that allow the test taker to select one or more of the given options or choices as their response. While NYSED recognizes that no standardized test or group of tests measures all the important aspects of learning, assessments nevertheless provide an objective perspective of teaching and learning. When nonpublic schools use standardized assessments as a pathway, we would expect to see evidence that both functions – evidence of student progress and a tool for improved instruction – are part of the schools' instructional process.

The regulation establishes the following criteria for the use of this pathway:

- Assessments must be approved by the Department for the purpose of demonstrating compliance with the requirements of Part 130,
- The assessments demonstrate students' academic progress as they move from grade to grade,
- The assessments are regularly used by the nonpublic school as part of its instructional program, and
- Nonpublic schools need to demonstrate an overall student participation rate on any approved assessments, regardless of grade level or subject, which is equal or greater to the three-year statewide average most recently available public school participation rate for the State Grade 3-8 Math and ELA assessments. The statewide average State assessment public school participation rate will be available on the NYSED at https://www.nysed.gov/nonpublic-schools/substantial-equivalency.

There are a wide range of standardized assessments in use in New York public and nonpublic schools that are used for a variety of purposes. They include the New York State 3-8 English and Math exams, Regents exams, over 30 Advanced Placement exams, exams used for diagnostic purposes, interim measures of growth and progress through unit tests, mid-terms, etc. As explained below, however, only end-of-the-year summative/cumulative assessments are applicable for purposes of this pathway.

15

די רעגירונג האלט חשבון אויף יעדעס קינד'ס אקעדעמישע פארשריט פון יאר צו יאר

# די רעכטן פון מוסדות התורה

## וואס געשעט מיט א מוסד וואס נעמט נישט 'פעטוועי'?

דאן לייגט די רעגירונג דעם מוסד אונטער פעטוועי 7 - אינספעקשאנס, וואס באדייט; אז כדי דער מוסד זאל ווערן באשטעטיגט אלס עקוויוועילענט צום פובליק סקול, דארף ער דורכגיין א אונטערזיכונג פון די עדיוקעישאן אינספעקטארן.

## דאס הייסט, אז אפילו מען איגנארירט די ערשטע 6 פעטוועיס, באדייט דאס אז מען האט אויסגעקליבן די זיבעטע פעטוועי, פון אינספעקשענס?

די רעגולאציעס שרייבט, אז אויב קלויבט מען נישט איינס פון די ערשטע 6, פאלט מען אויטאמאטיש אריין אונטער אינספעקשענס, אבער עס האט בכלל נישט דעם באדייט אז מען האט זעלבסט "אויסגעקליבן" די זיבעטע פעטוועי, און דער מוסד האט זיך גארנישט מתחייב געווען אז ער איז **'סובסטענשול עקוויוועלענט'**.

## אויב אזוי איז יעדע מוסד סיי וויאזוי אונטער די רעגירונגס האנט?

בכלל נישט, די רעגירונג לייגט טאקע אריין דעם מוסד אונטער פעטוועי 7 - אז מען דארף קומען אינספעקטן דעם מוסד, אבער דער מוסד קען דאס איגנארירן.

## דער מוסד דארף נישט אריינלאזן די רעגירונג פאר אן אינספעקשאן?

ניין. לויטן געזעץ מוז א מוסד זיך אינגאנצן נישט צוטון מאכן, ווען די רעגירונג וויל מאכן אן אינספעקשאן.

נישט נאר דאס, עס איז בכלל נישט פארהאן קיין חיוב אויף די מוסדות צו געבן סובסטענשול עקוויוועלענט חינוך, די גאנצע איבערדערמאנטע געזעץ איבער דעם, איז נאר א חיוב אז די עלטערן דארפן דאס פארזארגן, אבער דער מוסד קען געזעצליך אנגיין אן זיין גלייך - אפילו מיט סיי וואס - צום פובליק סקול, אזוי ווי דער געריכט האט דאס קלאר באשטעטיגט דעם פארגאנגענעם ר"ח ניסן תשפ"ג.

## דער סטעיט איז דאך אין אפיעל אנטקעגן דעם אורטייל פון ר"ח ניסן, אויב געווינען זיי וועלן די מוסדות יא זיין מחויב צו ווערן סובסטעשנלי עקוויוועלענט?

ניין. די סטעיט איז אויך מודה אז עס ליגט נישט קיין פליכט אויפן מוסד צוצושטעלן די סעקולארע לימודים.

BOND SCHOENECK & KING

50 Linden Oaks, Third Floor | Rochester, NY 14625-2825 | bsk.com

KIRSTEN J. BARCLAY, ESQ.
kbarclay@bsk.com
P: 585-362-4710
C: 585-734-9742

TO [redacted] VIA ELECTRONIC MAIL: [redacted]

ATTORNEY-CLIENT COMMUNICATIONS – PRIVILEGED AND CONFIDENTIAL

Dear [redacted]

Per your request, this letter responds to the following question:

*Are nonpublic schools required by law to grant entry for inspection, reply to inquiries, or cooperate with any review of the educational operations of the school in light of the new substantial equivalency requirements, and what are the benefits and consequences of participating in the Part 130 process and choosing a pathway to demonstrate substantial equivalency?*

**Granting Entry:**

Nonpublic schools are private property and are not required by law to grant entry for purposes of substantial equivalency determinations. The New York Education Law does not give authorities from local (e.g., school district of location; BOCES) or State (i.e., NYSED) education agencies greater rights to enter private property than those of ordinary persons. In other words, if an educational authority were to request access to a nonpublic school for the purpose of conducting a substantial equivalency review, and the nonpublic school official denied access, the nonpublic school official would not be in violation of a law.

Also, under New York's criminal laws, it is against the law to enter onto another person's property or remain on another person's property without that person's (or organization's) permission. (N.Y. Penal Law §140.05.) Finally, the Fourth Amendment of the United States Constitution protects individuals from unwarranted searches and seizures.

**Replying to Inquiries/Cooperating:**

There are no provisions in Part 130 (the new substantial equivalency regulations) mandating cooperation by yeshivas with local or State education authorities, including responding to requests for information (via, e.g., phone calls, emails, regular mail),

**ערפארענע עדיוקעישאן לויער 'בארקלעי' שרייבט א דעקרעטט פאר א מוסד צו לאזן וויסן זייערע רעכטן, אז א מוסד איז בכלל נישט פארפליכטעט אריינצולאזן עדיוקעישאן אינספעקטארן**

§ 3635(1)(a) (providing for transportation "to and from the school [children] legally attend"); L. 1974, ch. 507 (providing mandated services aid for "a nonprofit school in the state, other than a public school, which provides instruction in accordance with" Education Law § 3204).

Notwithstanding these consequences, the entity may continue to operate and provide some form of instruction—just as Sunday schools, Hebrew schools, and similar institutions likewise operate and provide religious instruction even though they do not qualify as schools for purposes of the Compulsory Education Law. Supreme Court therefore erred in striking down §§ 130.6(c)(2)(i) and 130.8(d)(7)(i) on the ground that they unlawfully authorize SED to close nonpublic schools.

**די סטעיט אין זייער אפיעל קעגן דעם פסק פון ר"ח ניסן, שרייבן זיי קלאר ארויס, 'אז די מוסדות האבן לעגאל די פולע רעכט אנצוגיין אלס א אידישע רעליגיעזע חינוך צענטער, אפי' מען געבן נישט די סעקולארע עדיוקעישאן'**

## דאן אויב אזוי וואס איז די אפיעל פונעם סטעיט אנטקעגן דעם פסק?

די פארלאנג פון די אפיעל איז נאר אז א מוסד וואס איז נישט סובסטענשולי עקוויוואילענט, זאל נישט קענען ווערן אנגערופן א שולע, וואס ווי זיי שרייבן ווילן זיי געווינען עטליכע זאכן מיט דעם, צום ביישפיל: אז זיי זאלן קענען אפהאלטן די פאנדינג פון א מוסד וואס לערנט נישט 'אלע' סאבדזשעקטס, און די תלמידים זאלן נישט קענען יוצא זיין קיין שום טייל פון די פארלאנגטע סעקולארע חינוך אין אזא סקול.

## אויב דער גאנצער געזעץ פארפליכטעט בכלל נישט די מוסדות, דאן פארוואס האט די רעגירונג געשטעלט די פעטוועי פראגע פאר די  מוסדות?

די רעגירונג שטעלט פשוט צו 7 פעטוועיס פאר מוסדות וועלכע **'ווילן יא'** זיין סובסטענשול עקוויוואילענט, אלס מהלכים דאס איבערצוצייגן פאר די גאווערמענט.

## אין אנדערע ווערטער; עס איז נישט דא קיין שום התחייבות אויף א מוסד צו נעמען א פעטוועי?

**ניין!** וויבאלד די פעטוועי איז פשוט א וועג צו איבערצייגן פאר די רעגירונג אז מען גיבט א חינוך וואס איז 'סובסטענשול עקוויוואילענט', און ווי געזאגט; איז א מוסד בכלל נישט מחויב געזעצליך צו געבן אזא סארט חינוך.

## דאן וואס איז פשט פון די ווערטער וואס קורסירן אין גאס 'אז די מוסדות דארפן אויסקלויבן א פעטוועי', און אז געניטע עדיוקעישאן אדוואקאטן האבן גאר געזאגט אז עס וועט זיין א ריזיקע פאר די מוסדות וואס נעמען נישט א פעטוועי?

זייער פשוט; דאס אלעס איז ביי מוסדות וועלכע 'ווילן' בלייבן אנהאלטן די סטאטוס אלס א מוסד וועלכע שטעלט "יא' צו פאר די קינדער א עדיוקעישאן 'סובסטענשול עקוויוואילנעט' צום פובליק סקול.

די ערפארענע עדיוקעישאן לויער 'בארקלעי' שרייבט דאס קלאר אין א בריוו צו א מוסד, **"אויב א מוסד איז סובסטענשולי עקוויוואילענט, אדער וויל - מרצונם הטוב - - זיין סובסטענשול עקוויוואילענט, מאיזה סיבה שהוא, ווי למשל כדי אנצוהאלטן די פאנדינג פון די רעגירונג, דאן זאל דער מוסד יא אויסקלויבן איינס פון די פעטוועיס, כדי צו איבערצייגן מיט דעם די רעגירונג אז ער איז סאבסטענשיל עקוויוואילענט".**

און שרייבט אין אימעיל, אז זי אליינס  - וואס האט זייער אפגערעדט היימישע מוסדות פון נעמען א פעטוועי - האט אבער יא גערעטן פאר א געוויסע מוסד אין ברוקלין יא צו נעמען א פעטוועי, נאכדעם וואס זיי האבן אויסגעדריקט אז זיי ווילן גיין מיט א מהלך צו בלייבן מיטן 'סובסטענשאל עקוויוואילענט' סטאטוס.

> The regulations do not provide for closure of nonpublic schools that fail to demonstrate substantial equivalency. Rather, the only consequence to a nonpublic school that fails to demonstrate substantial equivalency—or intentionally prohibits a local school authority from reviewing the school for substantial equivalency—is that it is no longer deemed a school for purposes of the Compulsory Education Law. That is a serious consequence, to be sure, but it is not equivalent to closure. *See* 8 N.Y.C.R.R. §§ 130.6(c)(2)(i), 130.8(d)(7)(i). In other words, parents cannot discharge their duty to have their children attend upon instruction by sending them to what no longer qualifies as a "school" under the law. *See* Education Law § 3212(2)(b); *see also Matter of Andrew TT.*, 122 A.D.2d 362, 363 (3d Dep't 1986) (finding that parents committed educational neglect by failing to ensure that their children "attend an educational institution within the school district or . . . receive substantially equivalent instruction"). And such entity is accordingly no longer eligible for various forms of state aid. *See, e.g.*, Education Law
>
> 30
>
> § 3635(1)(a) (providing for transportation "to and from the school [children] legally attend"); L. 1974, ch. 507 (providing mandated services a d for "a nonprofit school in the state, other than a public school, which p ovides instruction in accordance with" Education Law § 3204).

די רעגירונג אין די אפיעל פאפירן, פארלאנגען אז די אפעלאט געריכט זאל קלארשטעלן אז א מוסד וואס איז נישט פולקאם 'סובסטענשאל עקוויוואליענט' זאל פארלירן די נאמען 'סקול' צו דעם ציל אז די רעגירונג זאל קענען אפשניידן די פאנדינג, אבער פארלאנגען נישט צו פארשליסן דעם מוסד

> **GENERAL RECOMMENDATIONS**
>
> Based on the legal framework set forth above, my recommendations as to whether a yeshiva should participate in the SE process and chose a "pathway" turns on whether a yeshiva is presently providing and/or has a future intention of attempting to meet the compulsory education requirements set forth in the Education Law and provide "substantial equivalent" education to its students. As explained above, the reason for that is because a yeshiva that does not provide SE instruction and has no intention of doing so cannot be considered a "nonpublic school," and the "pathways" set forth in the regulations are inapplicable and irrelevant. Said another way, a yeshiva that does not provide and has no future intention providing "substantial equivalent" education to its students should not chose a "pathway" because it is not a NPS. If it does so, the yeshiva may be subject to legal consequences for knowingly misrepresenting its status.
>
> On the other hand, it is wise for yeshivas who have provided (or attempted to provide) SE and/or have a good faith intention to do so in the future to choose a "pathway." In that scenario, choosing a "pathway" and participating in the SE process will signal a yeshiva's intention to maintain its NPS status. It will also allow yeshivas to continue to receive government funding for transportation and food programs, and its students will continue to receive special education services. The particular "pathway" that is appropriate depends on a number of different factors, and, therefore, I have not addressed that in this letter.

עדיוקעישאן לויער 'בארקלעי' מאכט די חילוק פון די צוויי סארטן מוסדות און קעגנזייטיגע ראט וועלכע א לויער דארף געבן פאר די צוויי מוסדות

> [redacted]
> Page 2
>
> the yeshivas in that circumstance were ones with BEDS codes who receive public funding and wanted to make a good faith effort to provide "substantially equivalent Education".
>
> ________________________________

עדיוקעישאן לויער 'בארקלעי' איז זיך מסביר אז די אנדערע 'עדוויים' וואס זי האט געגעבן פאר א מוסד אין ברוקלין, איז געקומען נאכדעם וואס די מוסד האט איר קלארגעשטעלט אז זיי ווילן זיין עקוויוואילענט, צו קענען ווייטער געניסן  פון די פאנדינג

## פארוואס זאל א מוסד האבן א נסיון צו זיין סובסטענשול עקוויוואלענט ח"ו?

רוב מוסדות דא אין ניו יארק זענען אוועקגעשטעלט אז גרעסערע חלקים פון זייער בודזשעט אויף די רעגירונג'ס פאנדן, - וואס מען טוט כסדר פארגרעסערן פון יאר צו יאר, די דאזיגע פאנדס קען זיין זייער איינגעשטעלט פאר א מוסד וואס איז נישט סובסטענשול עקוויוואלענט צום פובליק סקול.

## הייסט דאס; אז ביי אזעלכע שוואכערע מוסדות וואס קענען נעבעך נישט עומד בנסיון זיין צו פארלירן פאנדינג, האט 'אגודת ישראל' געהאט רעכט אז מען דארף 'שוין' נעמען א פעטוועי?

ניין. אפילו פאר זיי איז די ראט אויך א פארפירערישע פארברעך. ווייל מען קען נאך ארומשלעפן ביז די אינספעקשענס פאר א לענגערע צייט, און ביז-דערווייל כאטש האבן א ריינע חינוך וואס איז נישט גלייך צום פובליק סקול, גארנישט אנדערש ווי סיי וועלכע אנדערע קריזיס וואס יעדע רעכטדענקיגע מענטש זוכט צו פארדינען צייט, בפרט ווען עס זענען נאך פארהאן פארשידענע דרכי הצלה, וגזירה עבידא דבטלי. (עטליכע געריכטליכע דירעקציעס איז נאך בכלל נישט גענומען געווארן אין דעם קאמף וועלכע זענען נאך אפן אלס א אפציע צו קענען באקעמפן די גזירה, צ.ב.ש. פעדעראלע קאנסטעטוציע .קלאגעס וכדו'.)

און אפילו שפעטער אויב עס וועט קומען לידי מעשה, אז מען וועט אנהייבן שניידן מיט די פאנדינגס פאר מוסדות וועלכע זענען נישט סובסטענטשול עקוויוואלענט צום פובליק סקול, און א מוסד וועט ח"ו שפירן אז זיי האבן נישט די כוחות הקדושה בייצוקומען דעם נסיון, האבן זיי טעכניש נישט דערלייגט די מעגליכקייט אויסצוקלויבן דאן א פעיטוועי (הילי"ת).

דעריבער איז דאס 'שויך' נעמען א פעטוועי, און אנטקעגן טאנצן די רעגירונג דערלאנגנדיג זיי אלעס אויף א גאלדענעם טאץ, פשוט א שרעקליכע פארראט - אפילו בגשמיות בדעת בעל הבית - שאין הדעת סובלתן.

**ווי פארשטענדליך איז דאס נאר אויסגעשמועסט געווארן להבנת העינים, אוודאי טאר קיין שום ערליכע מוסד אפילו דאן נישט מסכים זיין צו נעמען א פעטוועי, אפגעזען וועלכע פרייז עס זאל נאר קאסטן.**

## איז פארהאן א חשש אז די רעגירונג קען זיך פארלייגן אויף די עלטערן, אויב דער מוסד איז נישט סובסטענשול עקוויוואלענט?

ביים איצטיגן מאמענט האט די רעגירונג נישט קיין שום מעכאניזים, און עס איז כמעט א אוממעגליכע זאך, איינצופעדעמען אזא ריזיגע אפאראט ווי אזוי נאכצוגיין די רבבות עלטערן נאכצוקוקן אויב זיי גיבן א חינוך וואס איז סוסטענשול עקוויוואלענט, און זיי זוכן אויך נישט - זייענדיג דער אזויגערופענער סימבאל פון 'דעמאקראטיע' - אריינצוגיין אין אזא מהלך, וואס קען זיי שאפן גרויס קאפוויי און קאנטרעווערסיע, נאכצולויפן טויזענטער עלטערן פון א רעליגיעזע געמיינדע.

און דאס איז טאקע די סיבה, פארוואס זיי פרובירן מיט אלע כוחות איבערצוטוישן אונזער חינוך דורך די מוסדות, ווייל דאס איז די איינציגסטע וועג ווי אזוי זיי קענען דאס פראקטיש אויספירן הילי"ת.

אויסער דעם; לויט ווי די גרויסע לעגאלע מומחים אין געזעץ זאגן איז נישט שייך אנצוקלאגן עלטערן מיט 'טרועגסי' (חינוך פארנאכלעסיגקייט) קלאגעס אויב די קינדער באקומען א געהעריגע חינוך אינדערהיים, און גייען אין א שולע דורכן טאג. די 'טרועגסי' געזעץ איז געשטעלט געווארן פאר קינדער וועלכע זענען הפקר אויפן גאס, אן קיין שום מסגרת, און באקומען נישט א נארמאלע טעגליכע ערציאונג.

אין פאל - עס זאל זיך נישט מאכן חלילה - פון שטובער וועלכע זענען נישט געהעריג מסודר, איז ב"ה פארהאן געטרייע עסקנים און כלל טוער מיט געניטע אדוואקטען וואס זענען באהאווענט מיט אזאלכע פעלער, מיט מהלכים ווי אזוי דאס מסדר צו זיין בעזהשי"ת. **עס איז זינלאז צו זאגן אז צוליב פרטיות'דיגע פעלער ה"י זאל מען איבערטוישן דעם גאנצן מהלך החינוך פון די רבבות ילדי ישראל איבער גרעיטער ניו יארק.**

[עס איז דא אין פלאץ אנצווייזן אויף א פיל עקסטרעמערע פאל וואס שפילט זיך אפ ביי אונזערע ברודער אין קאנאדע - וואס האבן ניטאמאל א שטארקע קונסטעטוציענאלע באשיצונג ווי אין אמעריקע, דארט האט זיך די אויך די רעגירונג גאר שטארק פארלייגט אויפן חינוך ווי באקאנט, און זיי האלטן שוין דארט ליידער מער פאראויס מיטן אויספירן פאקטיש זייערע  פארלאנגן.

למעשה האט זיך דארט ארגענאזירט א ציבור אידן מיט א פאראייניגטע כח זיך קעגנצשטעלן די רעגירונגס פארלאנגן, און די רעגירונג האט זיך טאקע פארלייגט אויף זיי אינאיינעם מיט די טשיילד פראטעקשען אגענטור, און זיי פרובירן שוין עטליכע יאר מיטן כח פון געריכט צו באצווינגן די עלטערן ארויסצוגעבן זייערע קינדער צו די רעגירונגס פעדעגאגן, און עד היום הזה, שטייענדיג נאך גאנצע פיר יאר פון ענדלאזע פראבעס האבן זיי נאך אלץ גארנישט מצליח געווען אין דעם געביט. בשעת ווען אלע אנדערע קינדער מוזן ליידער זיך אפט טרעפן פערזענליך מיט די רעגירונגס אינספעקטארן וואס פארהערן זיי רח"ל!]

## איז די איצטיגע פארלאנגן פון די רעגירונג בגדר פון 'שעת השמד' וואס מען איז מחויב זיך מוסר נפש צו זיין, און נישט נאכגעבן אפילו א משהו?

ווי שוין אויסגעשמועסט אויבן, איז דער ציל פון די רעגירונג קלאר איבעצוטוישן אונזער הייליגער וועג פון חינוך הדורות, וועלנדיג אז אונזערע קינדער זאלן באקומען א גוי'אישער חינוך, וואס זאל זיי געבן די מעגליכקייט אליין צו באשלוסן אויב זיי ווילן זיין תורה טרייע אידן, וועלכע זענען משועבד צו די אמונה, און צו די תורה הקדושה ומסורת אבותינו ורבותינו הקדושים, אדער חלילה פארקערט רח"ל (אגב: די גדולי אחרונים שרייבן בנוגע האבן מסי"נ, אז להלכה איז עס די זעלבע; ווען די רעגירונג צילט צו שמד, ווי ווען בלויז די מוסרים - וועלכע שטופן די רעגירונג - צילן דערצו).

אזא מציאות גייט זיכער אריין אין א שאלה פון ערקסא דמסאני, טאקע אזוי ווי די גדולי הרבנים שליט"א וועלכע זענען געזעצן און דן געווען בכובד ראש איבער דעם נושא, טעג, און וואכן, זענען נאכן דערגיין אלע פרטי הדברים און עדיות ברורות, און זיך אליין איבערצייגט דערין, ארויסגעקומען מיט א קלארקייט אז דאס איז בגדר גזירת שמד וואס די הלכה אויף דעם איז אז מען דארף האבן מסירות נפש ממש נישט נאכצוקומען די גזירה אפילו נאר לפנים.

# ברענענדיגע פתגמי קדישין

### איבער דעם מצב וואו מיר געפונען זיך!

- חנני' מישאל ועזרי' האבן געזאגט פאר נבוכאדנצאר, די ביסט טאקע א מלך צו מאכן גזירות אויף צאלן שטייער, אבער בנוגע עובר זיין אויף די תורה ביזטו פונקט ווי א הונט (מדרש ויק"ר, ל"ג).

- בשעת א גזירה על הדת, איז מען מחויב צו האבן מסירת נפש, אפילו נישט צו נאכגעבן א קלייניקייט 'ערקתא דמסאני' [שיך בענדל] (גמרא סנהדרין ע"ד ע"ב, טוש"ע יו"ד ס' קנ"ז סעיף א').

- רש"י (סנהדרין ע"ד ע"א, ועי' שו"ת מהרי"ק סי' קל"ז) איז מסביר די טעם: ווייל אויב מען וועט זיי נאכגעבן אפילו קליין ביסל, וועלן זיי קומען פארלאנגען אז מען זאל נאך מער נאכגעבן. אבער דער סמ"ג (עי' שו"ת מהרי"ק סי' קל"ז) איז מסביר די טעם: ווייל בשעת א גזירה איז דאס אליינס א טייל פון זייער גזירה, אז מען זאל זיך עטוואס בייגן צו זיי, דערפאר איז דאס קליין ביסל שוין אויך א חלק פונעם שמד ח"ו (ועי' שו"ת בינת יששכר, סי' ל"ג).

- ווען די רעגירונג גיבט ארויס א גזירה און זאגן גארנישט אז זיי ווילן עפעס קעגן די תורה, אבער עס איז אנגעדרייט געווארן דורך מענטשן וועלכע ווילן עוקר זיין די תורה (למשל יאפע"ד) דארף מען זיך אויך לאזן הרג'נען און זיי גארנישט נאכגעבן, אפילו א קלייניקייט (שו"ת אור גדול מהגדול ממינסק סי' א' דף ט"ז ע"ב, וכן בשו"ת אבני נזר חו"מ סי' ק"ג בונה יסודו על הרשב"א שו"ת ח"ד סי' צ').

- אזוי איז געווען ביי דניאל (דניאל ו') אז דער קעניג האט געמאכט א גזירה און האט נישט אינזין געהאט קעגן די תורה, אבער די יועצים האבן יא אויף דעם געצילט (ועי' רמב"ם יסודי התורה פ"ה ה"ג ד', ובר"ן מס' שבת פ' במה טומנין ד"ה ומקשי, שו"ת אור גדול סי' א' שט"ז, ועי' שו"ת נשמת חיים סי' שמ"ט).

- די רשב"א האט געמאכט א חרם אויפן לערנען חכמת הטבע, די רשב"א שרייבט אז א קינד וואס לערנט חכמת הטבע וועט נישט גלייבן אין די ניסים וואס שטייט אין די תורה ה"י, "מיר האבן געזען מיט די אויגן אז די וועלכע האבן יא געלערנט די לימודי הטבע האבן פורק עול געווען" (שו"ת הרשב"א סימן תי"ד - תט"ו, ועי' מה שכתב יעב"ץ ע"ז בס' מגדל עוז אוצר הטוב מוסר ד').

- "וויבאלד די תורה איז העכער די טבע, דעריבער א קינד וואס איז עוסק אין חכמת הטבע, גייט בהכרח ווערן א כופר בתורת משה ה"י" (רא"ש כלל נ"ה אות ט', - ועי' בשו"ת הריב"ש סימן מ"ה שעפ"ר העוסקים בחכמת הטבע הם אפיקורסים).

- "לערנען חכמת הטבע קען פארדארבן די אמונה" (רבינו בחיי בהקדמה לפרשת מסעי ועי' גם בפרשת נצבים ל' י"ב)

- "חכמת חיצוניות איז א טויטליכער גיפט וואס ארבעט שטייטליך און רואיג, און איז נישט קענטיג תיכף, און מען דארף אנטלויפן דערפון אפילו ווען עס פעלט אויס פאר פרנסה". (ספר הישר לרבינו תם שער ו' ובשער י"ג)

- "די אלע וואס האבן געלערנט חכמת חיצוניות ווען זיי זענען געווען יונג [אדער נישט געלערנט די תורה מיט די דרשת חז"ל], האבן צום סוף אפגעלאזט תורה שבעל פה, עס איז נישט פארהאן אפילו איינער פון זיי וואס איז נישט ארויס פון אידישן וועג" (חתם סופר

בס' תורת משה פ' בשלח דף ר').

- "אסאך מאל נעמט צייט ביז מען זעט די שלעכטע פירות פון לערנען די סארט לימודים, צומאל הערשט ביי דעם דריטן דור נאכן לערנען די לימודים, קומט עס אן צו שמד רח"ל". (כמה תלמידי חת"ס, אלון בכות מהגה"ק רבי וואלף האמבורגער זצ"ל דף כט).

- "אפילו עס שאדט נישט פאר אים אליין, שאדט עס זיכער פאר זיינע קינדער און תלמידים". (ערוגת הבושם פ' עקב - יגל יעקב פ' עקב).

- "מיר האבן שוין געזעהן במציאות אז ביי די וועלכע לערנען חכמות חיצוניות, האלטן זיך נישט די דורות ה"י". (ספר טיב לבב מהרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, חלק ג' מכתב כ').

- "די רשעים ווילן צורעדן אידן אפצולאזן די תורה, כדי דאס אויסצופירן, באהאלטן זיי קודם זייער ציל, נאר זיי זאגן מען זאל לערנען זייערע לימודים און זיין גלייך מיט זיי - און מען קען נאך אלס בלייבן א ערליכע איד. אבער דער סוף איז, אויב הערט מען צי - ספעציעל צו די אידישע רשעים - ווערט מען אינגאנצן אפגעפירט, און די עיקר מיר זאלן נישט דארפן זיך בעטן זייערע חסדים צו באקומען עפעס פון זיי, ווייל דורך דעם טוען זיי אונז מכריח זיין אפאר מאל מיר זאלן זיי צוהערן". (אמרי קודש מהר"י מבעלזא - במדבר).

- "ווילאנג די אידן ווילן זיך נישט אויסמישן מיט די גוים קענען די גוים נישט מצליח זיין מיט זייערע גזירות, נאר ערשט ווען אידן טוען זיך צוכאפן צו לערנען מיט א ווילן זייער שפראך, דעמאלס האבן די גוים א כח העכער אידן מער גוזר צו זיין" (בני יששכר הוספת מהרצ"א על ס' סור מרע אות עה, וכעי"ז כ' הגאון ר' שמשון ר"פ ז"ל בפירושו על החומש פ' ראה, וכ"כ בס' וצוה הכהן לתלמיד המגיד זי"ע פרק כ' ד"ה אכן).

- דער הייליגער חידושי מהרי"ל שרייבט, "מיר האבן א קבלה אז ווען א יוד האלט זיך צו זיין אמונה, און בייגט זיך נישט קיין ריר פאר די שרי אומות העולם, וועלן די גוים אים נישט פיינט האבן אדרבא מען וועט טרעפן חן אין זייערע אויגן, זיי וועלן אונז האלטן פאר קלוגע מענטשען און אונז נישט פראבירן איבערצורעדן" (מהרי"ל החדשות, קכ"ג).

- דער הייליגער חפץ חיים ז"ל פלעגט זאגן א שתדלן מבטל צו זיין גזירות דארף האבן דריי זאכן: **א)** מסירת נפש ממש, [דערפאר פלעגט דער חפץ חיים אליינס גיין צו די רעגירונגען שתדל'ן אויף גזירת על הדת] **ב)** כח התורה **ג)** חכם הרואה את הנולד - א ווייטן בליק (בשבילי ראדין, פי"ז).

- "משיח וועט קומען, בזכות קינדער אין חדר וואס זיי לערנען תורה. און דערפאר פארלייגן זיך אלע גוים מיטן שטן דאס צו מבטל זיין, אפילו די גוים ווייסן דאס נישט, אבער זייער מזל ווייסט אז די גאולה איז אין דעם געוואנדן" (בני יששכר תמכין דאורייתא אות יא ע"פ זוה"ק).

- "ווען משיח וועט קומען וועט זיין א יום הדין הגדול והנורא, וועט מען דעם ענין שטארק דן זיין, ווער האט צוגעהאלפן פאר די חינוך פון די קינדער" (בני יששכר שם).

- ס'איז מעגליך אז בעפאר משיח וועט קומען וועלן זיין נסיונות דורך מנהיגים (קהלה פירערס, אנערקענטע עסקנים, אד"ג) אויב מען זעהט אז זיי גייען אוועק פון דרך השי"ת זאל מען זיי נישט נאכגיין (חידושי הרי"ם, מס' גיטין בסוף)

- ביי די מלחמה אנטקעגן די משכילים האט דער הייליגער חידושי הרי"ם געפסק'נט, אז נאר מיט א דרייסטע מלחמה אנטקעגן די רעגירונג וועלכע ווערט פון זיי איבערגערעדט, וועט מען ראטעווען דאס יודישקייט (ליקוטי הרי"ם, ח"א עמ' קמ"ו).

- דער הייליגער חידושי הרי"ם האט געזאגט, אז די השכלה האט חרוב געמאכט דייטשלאנד, ווייל די גדולי התורה האבן נישט געפירט קיין פעסטע מלחמה, און מען האט אנגעשטאפט די מוחות פונעם יוגענט מיט אלע גוי'שע ענינים (ליקוטי הרי"ם, ח"א עמ' קמ"ז).

- 'ויותר יעקב לבדו', יעקב אבינו ע"ה איז געבליבן אליינס, דאס קומט לערנען אז מען דארף גרייט זיין אויף מסירת נפש זיך צו האלטן בדרך התורה אפילו ווען מען זעהט זיך איינער אליינס (דברי יואל, וישלח קל"ט).

- די הבטחה פון 'כי לא תשכח מפי זרעו' איז נאר אויב מען רירט זיך נישט אוועק פון די וועג פון די פריערדיגע, מען מאכט נישט קיין שום שינויים, צאי לך בעקבי הצאן (ויואל משה, עמ' קס"א)

- פאר משיח וועט קומען וועלן זיין די גרעסטע ניסיונות אויפן חינוך פון תינוקות של בית רבן, די כוחות הטומאה וועלן זיך אויף דעם פארלייגען ח"ו, און מ'וועט דארפן האבן מסירת נפש זיך צו ראטעווען (הגאון מווילנא זי"ע, מקובל אצל זקני ירושלים)

- בימות המשיח וועט אראפקומען א מבול פון אפיקורסות, פשוט'ע תהלים יודען — דורך תמימות ופשיטות און מסירת נפש פאר השי"ת וועלן זיך קענען האלטן (מפי רבי נחמן מברעסלאוו זי"ע, כוכבי אור)

- ווען מען זעהט א גזירה פון די רעגירונג דארף מען זיך מתבונן זיין אז מסתמא עפעס אין דעם ענין דארף א תיקון, און דערפאר איז געקומען א עונש מן השמים די גזירה, און מיט דעם וואס מען וועט זיך פארבעסערן און תשובה טוהן אין דעם זאך וועט די גזירה בטל ווערן (קדושת יום טוב פ' וארא, ועי' דברי יואל מכתבים ח"א סי' ד').

- אלע צער פון אידישע קינדער אויף אלע פלעצער אין די וועלט, קען מען תולה זיין, אז דאס קומט צוליב מאכן שנויים אין די חינוך פון אידישע קינדער (הגה"צ רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, תיקון עולם ס' פ"ט).

- הרה"ק ר' צבי הירש מזידיטשוב זי"ע האט געזאגט, אז די מלחמת גוג ומגוג וועט זיין, אז מען וועט זיך פארלייגן אז מען זאל לערנען חכמות חיצוניות (כ"ז בשמו במקרי דרדקי להרה"ק ר' הלל קאלאמייער זי"ע סוף חלק ויקרא קונטרס לרחק חכמות זרות).

- עס איז ענדערש צו פארמאכן די טירן פון די תלמוד תורות און גארנישט לערנען, ווי איידער צו לערנען אויך די חכמות (הסכמת הרה"ק ר' הלל קאלאמייער זי"ע על ספר לב העברי)

- ר' הלל קאלאמייער זי"ע שרייבט אין די הסכמה אויפן ספר לב העברי אז אזא ספר דארף נישט קיין הסכמה וויבאלד דאס איז פשוט די ווערטער פון די פריערדיגע צדיקים, ובפרט ווען מען זעהט בחוש וואס די צדיקים האבן געווארנט וואס די השכלה און חכמת חיצוניות קען חרוב מאכן, אזוי ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט די חורבנות וואס די השכלה האט אפגעטוהן איסצורייסן די תורה (הסכמה שם).

- דאס טוט מיר אבער זייער וויי וויאזוי מען זעהט די גדולי ישראל זאגן גארנישט קעגן די חכמת חיצוניות און דאס קומט זיכער דורך די עון הדור (הסכמה שם).

- מען מוז זיך צוזאמנעמען און טראכטן וויאזוי אויסצורייסן די שורש הרע ווילאנג די לימודים פון ספרי חיצוניות זענען דא, וועט די קלות און אפיקורסות זיך צושפרייטן (הסכמה שם).

- אפילו ווען איינער שפירט אז ער קען נישט גארנישט טוהן, האט יעדער א חיוב אויף זיין קהלה צו זאגן ברבים אז מען דארף שטיין ווייט פון דעם (הסכמה שם).

- "געדענקטס די גירוש שפאניע און פארטוגאל וואס איז געקומען וועגן די חכמת חיצוניות און האבן נישט געוואלט צוהערן צו די רבנים וואס האבן דאס גע'אסר'ט, און דאס האט גורם געווען זייער סוף, א טייל זענען גע'הרג'עט געווארן דורך די גוים, א טייל זענען דערטראנקען געווארן, און א טייל זענען אויסגעגאנגען פאר הונגער, און א טייל זענען געגאנגען אין גלות אריין אן זייער פארמעגן, און דאס אלעס איז געקומען ווייל עס האט זיך אנגעפילט די מאס פון נישט צוהערן קעגן די חכמת חיצוניות. (הסכמה שם).

- די זעלבע באשעפער וואס האט מסבב געווען די גירוש שפאניע האט נאך די זעלבע כח און קוקט זיך אום אויף יעדע אידישע געגנט צו מען גיט זיך אכטונג פון די חכמות חיצוניות , און דערפאר בעט איך ענק אונגארישע אידן האלטס ענק פעסט (הסכמה שם).

- און אפילו אויב די רעגירונג'ס מיניסטארן וועלן ענק פארהאלטן זאלטס עטס ענק האלטן פעסט און זיך נישט בייגן צו די עבודה זרה וואס איז נישט אויסגעהאלטן לויט די תורה און וויאזוי מיר האבן דאס מקבל געווען, עטס זאלטס ווייגען פאר זיי און פאלן צו זייערע פיס און זאגן מיר זענען זיך מורא'דיג מכניע פאר ענק, אבער נאר ביז ווי עס רירט אן אונזער אמונה, ווייל אויף דעם זענען מיר משועבד און באשוואוירן געווארן, און מיר וועלן לעבן און שטארבן מיט דעם, און פון איר זיך נישט אוועקרירן, און אזוי וועט עטס מצליח זיין (הסכמה שם).

- דער חינוך קען זיך נישט האלטן נאר מיט די יסוד מען זאל נישט משנה זיין פון די פריערדיגע (טיב לבב ויגש דף רכ"ג, ועי' דברי יואל שמות דף ט"ו).

- די כח פון די תינוקות של בית רבן האלטן מלחמה קעגן אלע שונאי ישראל אבער נאר ווען עס איז הקול קול יעקב עס איז נישט ארייגעמישט אנדערע כוחות פון עשיו דעמאלטס איז אין הידים ידי עשו. (דברות קודש מוצ"ש שמות תשכ"ב).

- דער חובת התלמידים האט געזאגט, אז די שרעקליכע ירידה ברוחניות נאכן ערשטן וועלט מלחמה, איז געקומען אלס רעזואלטאט פון די חינוך אין די יארן פאר די מלחמה, "די טעות וואס מען האט געהאט אז מען האט זיך נישט געשטעלט תיכף אויף די שינוי וואס ווערט געטון אין אונזער חינוך", פאר די מלחמה דאס האט געברענגט די שרעקליכע ירידה. (הובא באוצרות של חינוך דף תקמ"א).

- "פאר די רעגירונג (דא אין ניא יאר"ק) דארף מען זאגן קלאר, קיינער קען אונז נישט ארייגרעדן אפילו אין לימודי חול, נאר די רבנים און גדולי התורה וועלכע פסק'נן פון די תורה, נאר דער וועג וועט האבן הצלחה, חס וחלילה אין אזא צייט מען זאל נאכגעבן אפילו א חוט השערה, אויב מען וועט גיין דעם וועג און נאכגעבן אפילו א חוט השערה וועט דאס גארנישט העלפן עס וועט נאר גיין ערגער אין ערגער" (פוסק הדור, מהר"י ראטה זי"ע גאב"ד קארלסבורג, שב"ק מטו"מ תשע"ט)

# סדר הכל!

- **דער ציל פון יאפעד** = איינצובערכן די מויערן פון היימישן ציבור מיט אקאדעמישע עדיוקעישאן, אז מענטשן זאלן עווענטועל קענען גרינג איבערלאזן די חסידישע קאמיוניטי, ה״י.

- **דער ציל פון די רעגירונג** = צו טוישן אונזער חינוך, די מוסדות זאלן מחנך זיין אויף אזא וועג אז יעדעס קינד זאל האבן די ברירה אויסצוועלן אויב ער וויל בלייבן א שומר תורה ומצות אדער חלילה נישט.

- **דער מיטל** = איז דורך אינפארסירן דעם געזעץ פון ׳סובסטענשול עקוויוויילענסי״ וואס באדייט צו לערנען לימודים אייניג צום פאבליק סקול, און דערפאר האבן זיי געשריבן ״גיידליינס״ וואס אנטהאלט קלארע רעגולאציעס מיט דעטאלירטע פונקטן איבער דעם.

- **די פראטאקאל אויסצופירן זייער פלאן** = צו באקומען קאנטראל אויף די מוסדות, האט די רעגירונג האט ארויסגעשטעלט 7 פעטוועיס - מהלכים, וואס א מוסד קען אויסוועלן איינס פון זיי דערמיט צו איבערווייזן אז ער גיבט אזא חינוך וואס זיי ווילן.

- **ווען א מוסד נעמט א פעטוועי** = איז ער א טייל פונעם רעגירונג׳ס פראגרעס פלאן.

- **קלייבנדיג א פעטוועי** = דערקלערט דער מוסד דערמיט אז ער איז ׳**סובסטענשול עקוויוויילענט**׳, ד.מ. לערנט אלע סאבדזשעקטס און ער גיבט א חינוך וואס איז גלייך צום פארדארבענעם חינוך פון פאבליק סקול רח״ל.

- **דער מהלך פון ״אסעסמענטס–טעסטס״** = ראטעוועט נישט דעם מוסד פון דארפן לערנען ׳אלע׳ סובדזשעקטס גלייך צום פאבליק סקול.

- **צו מאכן די ׳אסעסמענט–טעסט׳ זעלבסט** = אפילו עס זאל נישט דינען דעם רעגירונג מיט דעם צוועק פונעם גזירת החינוך - איז א גרויסע סכנה ברוחניות ובגשמיות.

- **א מוסד וואס נעמט זיך אונטער די פעטוועי פון אסעסמענט–טעסט** = איז ווי געצווינגען דאס נאכצוקומען עד הסוף, עס איז ממש נישט מעגליך אויסצונארן די רעגירונג מיט די אסעמענטס.

- **לויט דעם געזעץ** = איז נישט פארהאנדן קיין שום חיוב אויף די מוסדות התורה צו זיין סובסטענשול עקוויוויילענט און ממילא איז נישט פארהאן קיין געזעצליכע פליכט אויסצוקלויבן א ״פעטוועי״.

- **דעריבער** = דארף א מוסד  בכלל נישט אריינלאזן קיין רעגירונגס אינספעקשאנס, אזוי לאנג ווי ער נעמט זיך נישט אונטער נאכצוקומען זייערע פארלאנגען, און די רעגירונג קען נישט אריינקומען אין אזא מוסד אן ערלויבעניש פון דעם מוסד.

- **א מוסד וואס נעמט יא א ׳פעטוועי׳** = אפילו ער נעמט דעם פעטוועי פון ׳אסעסמענטס- טעסטס׳ איז ער כסדר אונטער א סכנה פון אינספעקשאנס דורך די רעגירונג, נאכצוקוקן אויב ער קומט טאקע נאך די אלע פארלאנגען פון די גיידליינס, וואס דאס איז נישט שייך ביי א מוסד וואס גיבט זיך נישט אן אלס עקוויוויילענט.

- **נאכצוגעבן די רעגירונג פארלאנג** = גייט אריין אין גאר א הארבע שאלה פון שעת השמד, וואס אויף דעם איז דער קלארער הלכה אז מען דארף האבן מסירת נפש גארנישט נאכצוגעבן, אפילו פרטים וואס איז נישט א חלק פון די שמד ממש, אזוי ווי עס איז אויסגעפסק׳נט די הלכה פון ׳ערקתא דמסאני״.

צו מנדב זיין א גליון, פאר הערות, און צו באריכטן נייעס, רופט: 845-237-4779
צו באקומען דעם גליון אויף בליץ-פאסט שיקט א אימעיל צו: DOROISEINY@GMAIL.COM

אזוי אויך קען מען ערהאלטן אין אימעיל אלע דאקומענטן וועלכע ערשיינט וועכענטליך דורכן איישרייבן ביים אויבערדערמאנטן אימעיל